# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

378

פרשת תזריע מצורע

תשפ"א


## מאוצרות אמונים

### פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### מיטן זאגן איז דער ארימאן מקריב א קרבן פון א עשיר

**"זֹאת תּוֹרַת הַיֹּלֶדֶת לַזָּכָר אוֹ לַנְּקֵבָה; וְאִם לֹא תִמְצָא יָדָהּ דֵּי שֶׂה..."** (יב ז-ח)

די ווערטער "זֹאת תּוֹרַת הַיֹּלֶדֶת" זען אויס ווי מיט זיי ענדיגט מען די פרשה פון די קרבנות פון א יולדת. דארף מען פארשטיין פארוואס שרייבט די תורה אט די ווערטער בעפאר זי האט ערקלערט די דינים פון די יולדת וואס האט נישט די מעגליכקייט צו ברענגען א קרבן פון א בהמה?

ענטפערט **רבי פינחס הורוויץ בעל ההפלאה**:

פונעם אויבערשטן פסוק (ו יח): "זֹאת תּוֹרַת הַחַטָּאת" דרש'נט די גמרא (מנחות קי א): "כל העוסק בתורת חטאת כאילו הקריב חטאת". און לויט דעם קען מען זאגן אז אויך פונעם פסוק "זֹאת תּוֹרַת הַיֹּלֶדֶת" קען מען זיך ארויסלערנען אז דער וואס איז עוסק אין די פרשה פון די קרבנות פון א יולדת ווערט גערעכנט כאילו ער האט מקריב געווען א קרבן יולדת.

לויט דעם, אזוי ווי בזמן הזה האט מען מתקן געווען זאגן די קרבנות כדי אז דאס זאגן זאל גערעכנט ווערן ווי מקריב געווען, אזוי אויך איז פאסיג אז בזמן הזה זאל די יולדת זאגן די פרשה פון איר קרבן אין דעם איין און פערציג'סטן טאג נאכן געבוירן א זכר אדער אין די איין און אכציג'סטע טאג נאכן געבוירן א נקיבה, אנשטאט איר חיוב צו ברענגען קרבן. אבער, אנדערשט פון די צייטן פון בית המקדש, זאל אויך א ארימע יולדת זאגן די פסוקים פון א רייכע קרבן. ווייל די חז"ל זאגן דאך (נגעים יד יב): "מצורע עני שהביא קרבן עשיר יצא" [און זעה אין פירוש הר"ש (שם): "אפילו לכתחלה זאל ער דאס ברענגען, ותבוא עליו ברכה"]. און נאך א טעם, אין די ענין פון זאגן ווערט זי גערכענט אזוי ווי איינע וואס 'ידה משגת'.

מיט דעם, ווען מיר פארשטיין פארוואס האט די תורה געשריבן דעם פסוק: "זֹאת תּוֹרַת הַיֹּלֶדֶת" בעפאר די הלכות פון א יולדת וואס האט נישט די מעגליכקייט צו קויפן א בהמה: אונז לערנען, אז ווען מ'איז יוצא דער חוב נאר דורך זאגן די פרשה פון 'תורת היולדת', זאל מען זאגן די פריערדיגע קאפיטל - פון א פארמעגליכע יולדת.

אויף דער וועג ערקלערט דער מגיד **רבי יעקב גאלינסקי** אונזער בקשה יעדן אינדערפריה פארן זאגן דעם פרק 'איזהו מקומן': "ואתה אמרת (הושע יד ג): 'ונשלמה פרים שפתינו', לכן יהי רצון... שיהא שיח שפתותינו חשוב... כאלו הקרבנו"; פארוואס דערמאנען מיר דווקא 'פרים' און נישט אילים אדער כבשים? נאר ווי געזאגט, ווייל בזמן הזה זענען מיר נישט מקריב בפועל נאר מיר זאגן מיטן מויל, איז פאסיג מיר זאלן דערמאנען דעם חשוב'סטן קרבן.

'פנים יפות' ויקרא ו ז; 'דביר קדשו'

### די טויערן פון אמן עפענען זיך דורך די טהרה פונעם מצורע

**"זֹאת תִּהְיֶה תּוֹרַת הַמְּצֹרָע..."** (יד ב)

**רבי נח מינדעס** דער מחותן פון הגר"א זאגט:

דער זוהר הקדוש (וילך רפה ב) דרש'נט פון פסוק (ישעיה כו ב): "פתחו שערים ויבא גוי צדיק שומר אמנים" אז אין זכות פון ענטפערן אמן מיט כוונה עפענען זיך אויבן טויערן פון ברכה וואס פון זיי קומט אראפ אלע גוטע השפעות פאר די אידן. דער מצורע ווערט אנגערופן אין זוהר (יתרו פ א, וכעי"ז באונקלוס כאן) 'סגירא'. לויט דעם קען מען טייטשן אז די עבירה פון לשון הרע איז פוגם אין די תיקון וואס ווערט דורך ענטפערן אמן און ברענגט צו עס זאל זיך פארשפארן די טויערן פון שפע וואס ווערן געעפענט אין זכות פון ענטפערן אמן.

דאס איז אויך מרומז אין דעם וואס די ראשי תיבות פון די דריי שותפים אין די זינד פון לשון הרע: 'אומר', 'נֶאֱמָר' [אויף ווען מ'רעדט] און 'מקבל' איז: 'אמן'.

דעריבער די טהרה פונעם מצורע איז דורך ברענגען 'צפרים' און א 'אזוב', וואס זייער ראשי תיבות איז צ"א אזוי ווי די גימטריה פון 'אמן', ווייל ווען ער ווערט ריין עפענען זיך די טויערן פון 'אמן' וואס זענען פריער פארשפארט געווארן.

'פרפראות לחכמה', און זעה אויך 'מגן אברהם' [פון טריסקער מגיד]

### לשון הרע האלט אפ די דאווענען זאל אנגענומען ווערן

**"וְטָמֵא טָמֵא יִקְרָא"** (יג מה)

"תניא: 'וְטָמֵא טָמֵא יִקְרָא' - צריך להודיע צערו לרבים, ורבים יבקשו עליו רחמים" (שבת סז א).

מען דארף פארשטיין: מיט וואס איז אנדערשט דער מצורע פון אנדערע קראנקע, נאר ער דארף צוקומען צו די תפילה פון אנדערע? און נאך: די חכמים זאגן דאך (ב"ר נג יד): "יפה תפלת החולה לעצמו יותר מכל"?

ערקלערט דער **רבי ר' יהונתן אייבשיץ**:

אין זוהר (מצורע נג א) ווערט געברענגט אז דער וואס האט געזינדיגט מיט לשון הרע, ווערט אויף אים נתעורר א רוח טומאה וואס האלט אפ זיין תפילה פון ארויף גיין אין הימל. אנדערשט פון אנדערע קראנקע וואס זייער אייגענע תפילה ווערט מער אנגענומען, איז די תפילת פון א מצורע וואס האט געזינדיגט מיט די עבירה פון לשון הרע ווערט נישט אנגענומען, און וועגן דעם דארף ער בעטן פון אנדערע זאלן דאווענען אויף אים.

**רבי יעקב רקח** פון טריפולי ברענגט א רמז צו דעם זוהר פון די בקשה פון דוד המלך עליו השלום אין תהילים (יז א): "תְּפִלָּה לְדָוִד שִׁמְעָה ה' צֶדֶק הַקְשִׁיבָה רִנָּתִי הַאֲזִינָה תְפִלָּתִי בְּלֹא שִׂפְתֵי מִרְמָה"; 'הַאֲזִינָה תְפִלָּתִי' ווייל איך בין 'בְּלֹא שִׂפְתֵי מִרְמָה' - אן קיין לשון הרע.

'מדרש יהונתן'; 'מעטה תהלה' תהילים יז א

### די צרעת פון די זעל האלט אפ די תפילה

**"כָּל יְמֵי אֲשֶׁר הַנֶּגַע בּוֹ יִטְמָא טָמֵא הוּא בָּדָד יֵשֵׁב מִחוּץ לַמַּחֲנֶה מוֹשָׁבוֹ"** (יג מו)

דער משפיע **רבי משה וואלפסאן** זאגט:

דער 'חפץ חיים' שרייבט ('שמירת הלשון' שער הזכירה ז) אז די שטראף פון צרעת אויפן זינדיגן מיטן מויל איז אויך דא אין אונזערע צייטן. אבער אנדערשט פון די צייט וואס די בית המקדש איז געשטאנען, וואס דעמאלטס האט זיך אנגעזען די קרעץ אויפן קערפער פונעם זינדיגער, אבער אין היינטיגע צייטן איז די נגע באהאלטן און איז באהאפטן אין זיין זעל. דאס איז אויך מרמז דער פסוק (משלי כא כג): "שומר פיו ולשונו שומר מצרות **נפשו**".

און מ'קען צו דעם צולייגן, אזוי ווי אין די צייטן פון בית המקדש האט די מצורע נישט געמעגט ארייַנגיין אין ירושלים (זעה רמב"ם טומאת צרעת י ז), אזוי אויך בזמן הזה דער וואס רעדט לשון הרע, וואס ווי געזאגט איז די קרעץ באהאפטן צו זיין זעל, מעג ער נישט ארייַנגיין אין ירושלים, און צוליב דעם גייען נישט ארויף זיינע תפילות, ווייל זיי קענען נישט אריבער גיין אין ירושלים וואו דארטן גייען אריבער די תפילות. דעריבער שטערן אים די מחשבות זרות אין לויף פון א גאנצן דאווענען, און ער איז קען נישט דאווענען מיט כוונה.

דער ענין איז מרומז אין די געבעט פון דוד המלך (תהלים קמב ח): "הוֹצִיאָה מִמַּסְגֵּר נַפְשִׁי לְהוֹדוֹת אֶת שְׁמֶךָ" - הייל אויס מיין זעל פון די צרעת [דער מצורע ווערט אנגערופן 'סגירא' אין תרגום], כדי איך זאל קענען "לְהוֹדוֹת אֶת שְׁמֶךָ" ווען איך דאוון.

'ואני תפלה' עמ' מז


## הכל הולך אחר החיתום



דעם קומענדיגן מאנטאג הבעל"ט ז' אייר וועט מען אפצייכענען פיר הונדערט און צוויי יאר זינט די הסתלקות פון רבינו **שלמה אפרים בן רבי אהרן איש לונטשיץ** - בעל 'כלי יקר' - וואס האט געדינט אלץ רב אין די חשובע פראגער קהילה.

אין זיין ספר 'עוללות אפרים' (ח"ג מאמר תס) ערקלערט ער אז צוליב דעם זאגן די חכמים (ברכות נג ב): "גדול העונה יותר מן המברך" **ווייל דער מברך איז אזוי ווי איינער וואס שרייבט א שטר, און דער וואס ענטפערט אמן איז צוגעגלעכנט צו דער וואס חתמ'עט אויפן שטר "והכל הולך אחר החיתום".**

"בני אמונים" - חתמ'ענען יעדע ברכה מיט א "אמן".

# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר פון דאווענען

## "יגדל" (א)

### דער יסוד פון די תורה - דער יסוד פון טאג

די אמונה איז דער יסוד און באזיס פון מקיים זיין אלע מצוות פון די תורה. נאר איינער וואס גלייבט אין מציאות ה' און אין זיין אויסשליסליכן קעניגרייך אויף דער וועלט פילט א חוב מקבל זיין אויף זיך די עול פון זיינע מצוות. ווייל אזוי זאגן די חכמים (מכילתא יתרו מס' דבחדש פרשה ו): "א משל צו א קעניג בשר ודם וואס איז אנגעקומען צו א לאנד, האבן זיינע קנעכט אים געבעטן: באפעל אונז פארשידענע באפעלן. האט ער זיי געזאגט: ווען ענק וועלן אננעמען מיין קעניגרייך וועל איך ענק באפעלן וואס איך וויל, ווייל אויב מיין קעניגרייך וועלן ענק נישט אננעמען, וועלן ענק נישט פאלגן מיינע באפעלן. דאס זעלבע זאגט הקב"ה פאר די אידן (שמות כ ב): 'אנכי ה' אלקיך'..., איך בין דער וואס ענק האבן אנגענומען מיין קעניגרייך... און אזוי ווי ענק האבן אנגענומען מיין קעניגרייך - זאלן ענק אויך אננעמען מיינע באפעלן".

די אמונה איז אויך דער יסוד און באזיס וואס אויף דעם איז געבויעט די עבודת התפילה, און דעריבער איז זייער חשוב זיך מתבונן זיין אין דעם פארן דאווענען, אזוי ווי עס שטייט אין 'מסילת ישרים' (פי"ט): "דער וואס האט די ריכטיגע פארשטאנד, מיט אביסל התבוננות און צולייגן הארץ, קען ער ביי זיך אין הארץ באפעסטיגן די ריכטיגקייט פון דער זאך, וויאזוי ער קומט און האנדלט ממש מיט ה' יתברך, פאר אים בעט ער און פון אים טוט ער פארלאנגען, און ה' יתברך הערט אים אויס און טוט צולייגן קאפ צו זיינע ווערטער, אזוי ווי איינער וואס רעדט צו זיין פריינד און זיין יענער הערט אים אויס".

צוליב די געוואלדיגע וויכטיגקייט פון אמונה אין די אויפבוי פון 'לעבן ווי א איד' האבן די קדמונים מתקן געווען זאגן אנהייב טאג, די דערהויבענע פיוט 'יגדל אלוקים חי' וואס טוט ענטהאלטן די דרייצן וויכטיגע פונקטן פון אמונה וואס דער רמב"ם האט אוועקגעשטעלט אין פירוש המשניות אין די הקדמה אויף פרק חלק (בעל ה'תוספות יום טוב' ב'מאמר ההודאה והתקנה' המודפס בראש ספר 'אורחות חיים').

עס זענען דא פארשידענע קהילות וואס פירן זיך זאגן דער פיוט נאר אין שבת און נישט אין די וואכנדיגע טעג. אין 'סדר היום' (תפילת מוסף של שבת) שטייט אז זיי האבן זיך געפירט עס זאגן יעדן שבת נאכן דאווענען מוסף, אין ספר 'יפה ללב' (ח"ה סי' רסח ס"ק ב) ברענגט ער אז עס זענען דא וואס פירן זיך דאס זאגן יעדן פרייטאג צונאכט. אויך רבי פנחס קאריצער האט זיך געפירט צו זאגן דער פיוט נאר אין שבת ('מדרש פנחס השלם' שער סדר היום נוסחאות התפילה אות סה).

### ווער איז דער מחבר פונעם פיוט?

ווער האט פארפאסט דעם פיוט? עס זענען דא אין דעם עטליכע דיעות, א טייל האבן עס מייחס געווען צום משורר הקדמון רבי שלמה אבן גבירול. אבער עס זענען דא וואס טענה'ן אז עס זעט נישט אזוי, ווייל ווי געזאגט דער פיוט איז אוועקגעשטעלט אויף די י"ג עיקרים וואס דער רמב"ם האט אוועקגעשטעלט, וואס האט געלעבט אין א שפעטערע תקופה. עס זענען דא וואס זענען עס מייחס צום רמב"ם, און א טייל צו דעם חכם מיטן נאמען רבי יחיאל ב"ר ברוך, און זיי לייגן צו אז עס קען זיין אז דער חכם האט אויך מרמז געווען זיין נאמען ביי די ענדע פון פיוט: "מתים יחיה א-ל ברוב חסדו **ברוך** עדי עד שם תהילתו". א באקאנטע דיעה וואס ווערט שוין געברענגט אין אלטע סידורים איז מייחס דעם פיוט צו דעם חכם קדמון מיטן נאמען רבי דניאל ב"ר יהודה דיין (סידור היעב"ץ לפני יגדל ובהקדמה לשיר היחוד; סדור 'עבודת ישראל' עמ' 154; 'תיקון תפילה' שבסידור 'אוצר התפילות' דף נב; 'מבוא למחזור בני רומא' עמ' 44).

דער פיוט איז שוין ארייגעשטעלט געווארן אין די סידורים פאר העכער אסאך הונדערטער יארן, אבער רבי חיים וויטאל שרייבט ('שער הכוונות' ענין עלינו לשבח ונוסח התפילה) אז דער אר"י הקדוש האט מקפיד געווען עס נישט זאגן, ווייל עס איז נישט אויסגעשטעלט לויט די סדר הקבלה. אויך דער יעב"ץ אין זיין סידור (שם) שרייבט אז די חכמי האמת האבן נישט געזאגט דעם פיוט ווייל אין דעם זענען צוגעלייגט געווארן נייע טיטלען.

אקעגן זיי טרעפן מיר אז דער של"ה הקדוש (שער האותיות אות אל"ף אמת ואמונה) שרייבט אויף דעם: 'השיר המשובח' און איז מאריך עס ערקלערן, און הרה"ק רבי אברהם דוד פון בוטשאטש שרייבט ('אשל אברהם' סי' תצב) אז ער פירט זיך עס זאגן, וויבאלד דער של"ה הקדוש וואס איז געווען א גרויסער בקי אין סתרי תורה און האט געהאט א גרויסע ידיעה אין קבלה האט עס יא קובע געווען אין זיין סידור - 'סידור שער השמים' און איז אויך מאריך צו ערקלערן דעם פיוט. און ספר 'אלף המגן' אויפן 'מטה אפרים' (תקפד יג) שטייט אז יעדער זאל זיך פירן אזוי ווי עס איז אנגענומען אין זיין פלאץ.

עס איז אינטערעסאנט צו פארצייכענען אז אין די 'שטר התקשרות' וואס די ירושלים'ער מקובלים האבן גע'חתמ'עט צווישן זיך אין יאר תקי"ד ווערט דערמאנט אז אויב איינער פון די חברים וועט שטארק נישט געזונט זיין, זאל מען זאגן מיט אים צווישן אלע תפילות און וידויים אויך דער פיוט "ווייל דאס איז זייער מסוגל צו מאכן פארלירן די וואס קומען אים פארדרייען מיט שלעכע גלויבונגען חס וחלילה" ('אגרות והסכמות החיד"א' עמ' קכד).

### די דרייצן עיקרים אין דרייצן שטיקלעך

די ספעציעלקייט פון דער פיוט איז אז אין זיינע דרייצן שטיקלעך זענען מרומז די דרייצן עיקרים - דאס זענען די יסודות פון אמונה וואס דער רמב"ם האט אוועקגעשטעלט:

א. מציאות ה'; ב. אחדות ה'; ג. ער איז נישט קיין קערפער; ד. ער איז דער ערשטער און לעצטער; ה. נאר צו אים איז פאסיג צו דינען; ו. אלע רייד פון די נביאים זענען אמת; ז. משה רבינו איז דער אויסדערוועלטער פון די מענטשהייט; ח. די תורה איז פון הימל; ט. די תורה וועט נישט פארטוישט ווערן; יא. טוט באלוינען און שטראפן; יב. אין דעם אנקומען פון משיח; יג. תחית המתים.

דער וואס גלייבט אין די יסודות איז אריינגערעכנט צווישן 'כלל ישראל', און עס איז א מצוה אים ליב האבן און זיך פירן מיט אים די אלע מצוות וואס זענען בין אדם לחבירו, אויך אויב ער האט פארמערט צו זינדיגן. אבער דער וואס גלייבט נישט אין איינע פון די יסודות איז ארויס פון כלל ישראל און ווערט אנגערופן 'מין' און 'אפיקורס' (פיה"מ לרמב"ם, סנהדרין בהקדמה לפרק חלק).

מ'דארף אנצייכענען אז אין רוב היינטיגע סידורים איז אריינגעדרוקט די דרייצן עיקרים נאכן דאווענען, אבער נאכן נאכקוקן אין די פריערדיגע סידורים זעט מען אז די תקנה פון זאגן 'יגדל' איז פריער פון די תקנה (ראה 'מנוחת שלום' ח"ג סי' טז).

### 'מצוה לרדוף אחר ידיעתם'

רבינו הרמח"ל אין אנהייב זיין ספר 'דעת תבונות' שרייבנדיג איבער דעם ענין פון די דרייצן פונקטן פון אמונה: "יעדער מענטש איז מחוייב נאכלויפן זיי צו וויסן, לויט זיין מעגליכקייט". און טאקע אזוי, וויסן די דרייצן עיקרים איז זייער חשוב, איבערהויפט לויט די באקאנטע ווערטער פון הגר"ח מבריסק אז אנדערשט פון אלע אנדערע מצוות פון די תורה וואס אויב דער מענטש ווייסט נישט איינס פון די מצוות, כאטש עס פעלט אים אין ידיעת התורה, ווערט ער נישט אנגערופן א מין, און איז אריינגערעכנט צווישן כלל ישראל. דאקעגן די דרייצן עיקרי האמונה דארף יעדער וויסן, און דער וואס ווייסט נישט איינס פון די עיקרים, ווערט פארערכנט ווי א 'מין' וואס איז ארויס פון כלל 'ישראל', און אויך אויב ער לייקנט נישט אין זיי חלילה (הגש"פ מבית לוי עמ' קצ).

אין די קומענדיגן ארטיקלען וועלן מיר פרובירן מיטן אייבערשטנ'ס הילף אנרירן נאר אביסל אין אט די דערהויבענע פיוט - אין א בחינה פון "ישמע חכם ויוסף לקח" - אויפן שפיץ גאפל וועלן מיר קאסטן אביסל פון זיין זיסקייט, און מיר וועלן פרובירן זיך באהעפטן צו די טיפקייט וואס ליגט באהאלטן אין זיינע ספעציעלע ווערטער און זיי פארשטיין, ווייל פארשטיין די ווערטער איז זייער חשוב כדי אנקומען צו זיין ציל, אזוי ווי עס שטייט אין דעם פריערדיגן ספר 'יוסף אומץ' (דיני תפילה אות ס): "נאך יעדע תפילה פירט מען זיך אין ארץ אשכנז צו זאגן 'יגדל', ווייל דאס איז א 'שיר משובח' און איז געבויעט אויף די דרייצן עיקרי האמונה. דעריבער איז גוט מ'זאל לערנען זיין טייטש און עיס זאגן ריכטיג".

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## א מסירות נפש וואס האט געראטעוועט לעבן

א רייזע פון די שטעטל מאנסי וואס איז אין ניו יארק ביז באלטימאר וואס איז אין מערילאנד איז נישט א קלייניקייט. געווענליך געדויערט אזא וועג צווישן דריי און האלב שעה ביז פיר גאנצע שעה'ן. אבער אין אמעריקא איז מען געוואוינט צו אזעלעכע לאנגע רייזע'ס. די גראדע און שלענע שאסייען זענען זייער באקוועם אויף צו פארן, אויסער דעם לטובת די וואס פארן די לאנגע רייזע'ס איז אויך אויסגעשטעלט אויפן וועג, נאך ארום יעדע פופציג קילאמעטער, א ארט זיך אפרוהען [area rest] וואו דארט קענען די רייזנדע זיך אפרוהען פון די לאנגע וועגן, אנפילן געזעלין, איינקויפן אין די געשעפטן און אין די רעסטאראנטן וואס זענען דארט אויפן פלאץ, און אפילו זיך אביסל אויפפרישן דורך א שפאציר און פארברענגען אין די פארק וואס געווענליך איז דא אין די געגענט.

אין די פריע מיטאג שעה'ן האט זיך ר' דוד ארויסגעלאזט צוזאמען מיט זיין פאמיליע, איינוואוינער אין מאנסי, אויף די לאנגע רייזע אויפן וועג קיין באלטימאר. אין באלטימאר, כמעט אזוי ווי אין מאנסי, וואוינען דארט א גרויסע פרומע קהילה, ר' דוד האט אסאך פאמיליע מיטגלידער אין באלטימאר, וואס דאס האט צוגעברענגט אז אזא רייזע פלעגט פארקומען נישט אזוי זעלטן.

יענע נאכט האט געדארפט פארקומען אין באלטימאר א חתונה פון זייער'ס א קאזין, און ווייל זיי האבן געפלאנט אנקומען פריה, שוין צו די חופה, כדי זיי זאלן זיך קענען באטייליגן ביי די חתונה גענוג צייט בעפאר זיי וועלן מוזן פארלאזן די חתונה-זאל אין גאנץ א פריה צייט כדי זיי זאלן אניאגן אהיים קומען קיין מאנסי בעפאר חצות הלילה, דעריבער זענען זיי שוין ארויסגעפארן אין די מיטאג שעה'ן.

בדיעבד האט זיך ארויסגעוויזן אז דאס איז געווען א ריכטיגע באשלוס, ווייל אויף די וועג איז געווען א טרעפיק, און אזוי, נאך ארום צוויי און א האלב שעה'ן פארן, ווען די 'וויז' וואס זיי האבן מעלדט אז זיי האבן נאך א וועג פון א שעה מיט פערציג מינוט. זיי האבן נישט געהאט קיין ברירה נאר זיך אפשטעלן אין די נאנטע אפרוה פלאץ [area rest], זיך אויפפרישן, און שעפן אביסל פרישע און ריינע לופט.

פון די באגאזש האט מען ארויסגענומען די טאש וואס איז גרייט געווען אויף אזא צייט, א טאש וואס איז פול געווען מיט סענדוויטשעס אנגעפילט מיט אלעס גוט'ס און אויך באטלעך טרינקען, איינער פון די קינדער איז געגאנגען אויפזוכן א קראן וואסער און א כלי אויף זיך צו וואשן די הענט. אינצווישן איז שוין שפעט געווארן, האט ר' דוד אנגעטראגן פאר זיין הויזגעזונד אז ווען זיי וועלן זיך וואשן און זאגן די ברכה 'המוציא', זאלן זיי אינזין האבן צו ענדיגן זייער סעודה אויפן וועג, און אויך בענטשן ברכת המזון אויפן וועג.

נאכן זיך וואשן די הענט און עסן א כזית זענען ז' צוריק אריין אין די אויטא, און ר' דוד האט אנגעהויבן פארן שנעל, ווען אינצווישן ענדיגן די רייזנדע זייער מאלצייט.

עטליכע מינוט נאכדעם, ווען זיי האבן געוואלט בענטשן ברכת המזון, האבן זיי אויפגעכאפט אז זייער האבן פארגעסן מיטנעמען מיט זיך א סידור אדער א בענטשער כדי צו קענען בענטשן אינעווייניג. ר' דוד האט געבעטן מ'זאל איבערלאל זוכן, געווענליך האט ער מקפיד געווען אז אין זיין מאשין זאל ער האבן א סידור, אבער דאס מאל נישט; דאס זוכן האט זיך געענדיגט מיט גארנישט טרעפן.

ר' דוד און זיין פאמיליע האבן שוין א לאנגע צייט צוריק זיך אונטערגענומען חוק ולא יעבור מקפיד זיין בענטשן ברכת המזון אינעווייניג, צי יעצט וועלן זיי מוזן טוישן זייער מנהג?! עס זעט אויס אז ניין! איינער פון די פאמיליע האט זיך דערמאנט וואס עס ווערט געברענגט אין נאמען פון גדולים וצדיקים, אז ווען איינער געפונט זיך אין א פלאץ וואו דארט טרעפט ער נישט א סידור צו קענען בענטשן אינעווייניג, זאל ער זיך אנשטרענגען שרייבן אויף א צעטל דעם גאנצן נוסח פון ברכת המזון, און נאכדעם בענטשן אינעווייניג, כדי ער זאל נישט פארלירן אפילו איין מאל אויך נישט אט די חשובע הנהגה.

ר' דוד האט זיך אפגעשטעלט אין זייט און האט ארויסגענומען בלעטער מיט פעדער'ס, און די גרויסע קינדער האבן מיט גרויס פרייד אנגעהויבן שרייבן יעדער איינער זיין טייל פון דער נוסח הברכה. אזוי אז אין עטליכע מינוט האבן זיי שוין געהאט דעם גאנצן נוסח פון ברכת המזון אפגעשריבן. די בלעטער זענען אריבער געפירט געווארן פון איינעם צום אנדערן, ווען יעדער איינער בענטש אינעווייניג, און נאכן ענדיגן פירט מען עס אריבער צום צווייטן, און אזוי האבן אלע געבענטש.

ווען אלע האבן געענדיגט בענטשן, האט זיך שוין פון דערווייטנ'ס אנגעזען די שטאט באלטימאר, און די גאנצע פאמיליע האבן געשמייכלט איינעם צום אנדערן מיט א צופרידנקייט, נישט יעדן טאג מאכט זיך אזא געלעגנהייט זיך מוסר נפש אויף אזא חשובע הנהגה, בענטשן ברכת המזון דווקא אינעווייניג.

די צייט וואס די חופה האט געדארפט פארקומנען האט זיך דערנענטערט, ר' דוד האט פרובירט צואיילן זיין רייזע, א פרייליכע ליד האט זיך געהערט אין די אויטא, און פלוצלינג איז די פרייליכע אטמאספער אפגעהאקט געווארן דורך א שטארקע קלאפ באגלייט מיט א שטארקע 'בום' און א גרודער פון גלאז וואס צוברעכט זיך.

עס האט גענומען פאר די רייזנדע פון די מאשין ווייניגער פון א סקונדע צו כאפן אז זיי זענען פארמישט אין א ערנסטע עקסידענט, אזאנס וואס ווערט אנגערופן 'א קייט קאר עקסידענט'. ר' דוד און זיין ווייב האבן מיט גרויס ציטער זיך שנעל אומגעקוקט אויף אלעמען, און זיי האבן זיך געפריידט צו זען מיטן ערשטן בליק אז אלע זענען געזונט און פריש מיטן אייבערשטנ'ס הילף. עס איז זיי אויך געלונגען זיך ארויסראטעווען פון די אויטא, און ווען זיי זענען געשטאנען אין די זייט פון די שאסיי האבן זיי זיך געפריידט צו זען אז טאקע אויף גאר א וואונדערליכן וועג זענען אלע געראטעוועט געווארן אן קיין שניט אדער ערגער ח"ו, אויס די מאשין וואס האט באקומען עטליכע קלעפ.

נאר דעמאלטס האבן זיי געקוקט אויף אלע זייטן און אפגעשאצט דעם געוואלדיגן נס וואס האט זיי פאסירט. עס איז טאקע געווען א 'קייט עקסידענט' וואו עס זענען פארמישט געווען פינעף מאשינען, צוויי בעפאר זייער מאשין, און צוויי אונטער אים. בדרך הטבע וואלט זייער מאשין געדארפט כאפן דעם ערגסטן קלאפ, אזוי ווי עס האט טאקע פאסירט, אבער אויף א אומגלויבליכן וועג זענען זיינע רייזנדע ארויס אן קיין קלאפ.

אויב דאס איז נישט גענונג געווען, די מאשינען פון בעפאר זיי און נאך זיי האבן אויסגעזען אינגאנצן צוקלאפט, אנדערשט פון זייער מאשין וואס מ'האט געקענט מיט דעם ווייטער פארן.

אינצווישן זענען אנגעקומען אסאך 'הצלה' וואלאנטירן וואס האבן ארויסגענומען פון די אויטא'ס פון פאר זיי און אונטער זיי ארום צען פארוואונדערטע אין פארשידענע צושטאנדן, ווען צוויי פון זיי זענען שנעל אריינגעפירט געווארן אין שפיטאל ווען זיי געפונען זיך אין זייער א שווערן צושטאנד. און די שאקירנדע פאמיליע האבן צוזאמען געזאגט 'מזמור לתודה' אויף זייער וואונדערליכע רעטענונג.

פאר אלעמען איז קלאר געווען אז זיי האבן זוכה געווען צו אזא אפענע און וואונדערליכן נס, אין זכות פון זייער אנשטרענגונג, עטליכע מינוט פריער, נישט מוותר זיין אויף זייער מנהג פון בענטשן מיט כוונה און אינעווייניג. אבער נאכן זיך אויפכאפן פון די טראַוומע וואס זיי זענען אדורך, האט ר' דוד זיך דערמאנט אין די אפענע הבטחה וואס דער 'עטרת זקנים' האט צוגעזאגט:

**"המברך ברכת המזון מתוך הכתב בדקדוק ובכוונה, מסלק מעצמו צרות רבות ואסונות, לא עלינו".**

א בריוו וואס איז פארעפטליכט געווארן
אין בלעטל 'על המזון' אדר תש"פ

עיצובים shay

"בני אמונים" ת.ד. 102 בני ברק | פקס. 08-9746102 | מייל. 9139191@gmail.com | ניתן לקבל עלון זה במייל מידי שבוע